NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04324

DOS GRINE INGL

Y. Krepliyak

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרבייטער רינג
קינדער ביבליאָטעק

דאָס „גרינע“ אינגל

פון יעקב קרעפּליאַק

אַרויסגעגעבן פון
בילדונגס דעפּאַרטמענט
אַרבעטער רינג

Copyright, 1928, by
The Workmen's Circle
New York

דאָס „גרינע״ אינגל

(אַ קינדער־שפּיל אין איין אַקט)

פּ ע ר ז אָ נ ע ן :

דאָס גרינע אינגל
די אויפפּאַסערקע
דזשייקי
ערשט אינגל
צווייט אינגל
אַנטהאָני, איטאַליענישׁ אינגל
דזשימי, איירישׁ אינגל
נאָך קינדער
פּרינציפּאַל.

די קינדער זיינען אין עלטער פון 10—12 יאָר, אַלע — שולער פון אַ פּאַבליק סקול.

צייט : די איצטיקע.
אָרט : אַן אַמעריקאַנער שטאָט.

(פרילינג. דער שפיל־הויף פון אַ פּאָבליק־סקול אין אַ אידישן טייל פון שטאָט. אין הינטערגרונט שטייט די שול מיט איר זייטיקן ארייגאנג אין הויף אַריין. איבער׳ן ארייגאנג אַן אויפשריפט: „פּאָבליק סקול”. אַרום מיטאָק־צייט. דער ליידיקער הויף איז אינגאַנצן פאַרגאָסן מיט זון. די פענסטער פון דער שול זיינען ברייט צעעפנט. פון צייט צו צייט שפּאַרט פון די פענסטער אַרויס אַ געזאַנג פון אַ קינדער־כאָר. דאָ הערט ער זיך העכער, דאָ שטילער. אינוויינין גייט אָן דער קלאַס פון מוזיק. באַלד דערהערט זיך דער סקול־אָרקעסטר. בלייבט שטיל דער כאָר, הייבט אָן דער אָרקעסטר, און פאַרקערט. פלאָנטערן זיך אַריין איינער אין אַנדערן, גיסן זיך צונויף, צעגייען זיך ווידער. אינ־מיטן הייבט אָן נערוועז קלינגען אַ גלעקל. דער כאָר און דער אָרקעסטר רייסן אָפּ. ראַפּטום עפנט זיך די טיר פון אַרייגאַנג. ס׳פליט אַרויס אַ אינגל, טוט אָן די טוזשורקע לויפנדיק. ער וויל ארײנשפּאַרן בײדע הענט אין בײדע אַרבל מיט אַמאָל, צעשפּרייט זיי איבער׳ן קאָפּ ווי אַ פויגל די פליגל. האַלט דאָס היטל מיט די ציין. נאָך אים לויפט אַרויס אַ מיידעלע. שלעפּט אַ „סעטשל” ביכער).

אינגל

(אַרויסגעשפּרונגען אויפ׳ן מיטן הויף, באגייסטערט): אַי עם דהי פוירסט.

מיידל

(לאָזט זיך דרייען מיט דעם סעטשל ביכער): ווי באָוטה אַר דהי פוירסט.

אינגל:

נאָו מעם.

מיידל

(אים אין טאָן): יעם סער.

(די טיר פון אַריינגאַנג גיט זיך ווידער אַן עפן. עס הייבט אָן פליוצן מיט קינדער: אינגלאַך, מיידלאַך. דער הויף ווערט פול. כמעט אַלע מיידלאַך טיילן זיך אָפּ און פאַרנעמען אַ טייל פון הויף. אַ טייל אינגלאַך גרייטן זיך צו אַ „בייס־באָל" שפּיל. אַנדערע פאַרנעמען זיך מיט פאַרשידענע שפּילן: מען לייגט צונויף אַ הורבע ביכער און מען שפּרינגט. מ'שטעלט זיך אויס אין אַ רוי און מען שפּרינגט איינער איבער'ן אַנדערן, איינער איבער'ן אַנאַנדערן, ביז עס פאַלט ווער און ס'ווערט אַ לעבעדיקער באַרג. טייל מיידלאַך צעקעסטלען מיט קרייד דעם גרונט און טאַנצן אויס פיגורן. אַנדערע שפּרינגען איבער אַ שטריק. נאָך מיידלאַך מאַכן אַ „וואַנט" — שטעלן זיך אויס עטלאַכע אין דער ברייט, נעמען זיך אַרום ביי די טאַליעס, גייען אַלע צוזאַמען, שושקען זיך, לאַכן, זינגען, שטופּן אומישנע אַראָפּ אינגלאַך פון וועג. צוויי מיידלאַך שטעלן זיך גאָר אַוועק אין פאָדערגרונד און וויגן איינע די אַנדערע אויף די פּליוצעס. ביי יעדעס מאָל אויפהויבן, לאַכט איינע און קוויטשעט. די אינגלאַך הייבן אָן פאַרנעמען פּאָזיציעס אין שפּיל).

ערשט אינגל:

קאַם אַן לעטס פּליי דהי גיים.

צווייט אינגל:

דהי „קעטשער" איז נאַט היר.

ערשט אינגל:

ווהער איז הי?

צווייט אינגל:

דזשייקי העס טו סטיי אין.

קינדער:

ווהאַי?

צווייט אינגל:

הי וואָס מייקינג פאַן אָוו דהי „גריני".

ערשט אינגל:

ווהאַט דיד הי דו?

צווייט אינגל:

הי טרו איי פים אָוו טשאָק עט הים.

ערשט אינגל:

דזשייקי איז איי פול פאָר באַדערינג וויטה הים.

צווייט אינגל:

דזשי, דהי גריני איז סאָ פאָני! (לאַכט. אַלע לאַכן מיט. גיט זיך פלוצלונג אַ כאַפּ). לוק, היר קאַמס דהי גריני! (פון טיר קומט אַרויס דאָס „גרינע" אינגל אין באַגלייטונג פון אַ מיידעלע, אַן אויפפּאַסערקע. זי פירט אים כמעט פאַר אַ האַנט).

אויפפּאַסערקע

(ווייזט אים אָן אַן אָפּגעזונדערט פּלאַץ): סטיי היר.

גרינער

(צו דער אויפפּאַסערקע): וואָס זאָגט איר?

אויפפּאַסערקע

(גיט זיך אַ קרים. ווייזט אָן מיט'ן האַנט, ווידערהאָלט): סטיי היר.

צווייט אינגל

(ווייזט מיט'ן פינגער): לוק עט דהי גריני. דיד יו היר: אינסטעד „אָם" הי סעד „יום" (לאַכט, אַלע לאַכן).

גרינער

(פאַרשטייט, אַז מען לאַכט פון אים, צו דער אויפפּאַסערקע): וואָס לאַכן זיי?

אויפפּאַסערקע

(צום גרינעם): דהי טיטשער סעד יו שודנט טאָק דזשואיש.
(אַלע לאַכן נאָך מער. צו אַלעמען): דאָנט מייק פאָן אָוו הים.

צווייט אינגל

(ווייזט אויף דער אויפפּאַסערקע): דיד יו סי האַו שי העד טו טוירן דהי פיידזשעס פאָר הים? דזשי, האַו פאָני!

ערשט אינגל:

קאָם אַן, לעטס פּליי.

אינגלאך:

באָט הו וויל בי דהי קעטשער?

צווייט אינגל:

היר איז דזשייקי!

(דזשייקי באַווייזט זיך אין אַריינגאַנג. דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, שווייגנדיק. קוקט ניט אויף קיינעם. די הענט פאַררוקט אין די קעשענעס. מען לויפט צו צו אים).

וואַטס דהי מעטער, דזשייקי, ווי אַר וויטינג פאָר יו. פאָר יו.

דזשייקי:

נאָן אָוו יאָר ביזנעס.

צווייט אינגל:

יו אַר דיפּי.

דזשייקי

(פאַרקוועטשט אַ פויסט): טייק אָף יאָר גלעסעס...

צווייט אינגל

(גיט אַ מאַך מיט'ן האַנט צו די איבעריקע): לעטס פּליי וויטהאוט הים.

דזשייקי

(דרייט זיך אַרום אַ פאַרביסענער. קומט יעדערן אין וועג, שטויסט זיך אָן. טשעפּעט זיך צו יעדערן. פּלוצלונג צום גרינעם אינגל): וואַי אַר יו סטענדינג היר?

גרינער

(פאַרשטייט ניט. אַביסל צעשראָקן): וואָס זאָגט איר?

דזשייקי

(טרעט צו נעענטער, בייז): וואַי אַר יו סטענדינג היר?

גרינער

(צו דער אויפּפּאַסערקע): וואָס זאָגט ער?

אויפפּאַסערקע

(נעמט אָן דעם גרינעם פּאַר'ן האַנט, צו דזשייקי'ן): דהי טיטשער סעד יו שודנט באַדהער הים.

דזשייקי

(צו דער אויפפּאַסערקע, רייצט זיך): דזשעני גאַט אַ פּעלאָו. דזשעני גאַט אַ פּעלאָו... (צו די איבעריקע קינדער): לוק! דזשעני גאַט אַ פּעלאָו... (קינדער קומען צו און לאַכן).

גרינער

(צו דער אויפפּאַסערקע): ער טשעפּעט זיך מיט אייך. ער מוז זיין פון די ריכטיקע אַמעריקאַנער לויפערס...

דזשייקי

(פּלוצלונג אין אידיש): איך וועל דיר באַלד געבן, גריני.

אויפפּאַסערקע

(מיט'ן פריערדיקן נגון): דהי טיטשער סעד יו שוד נאַט טאָק טו הים דזשואיש...

גרינער

(דערפרייט): אוי, ער רעדט דאָך ווי איך!

דזשייקי:

קום, כ'וועל דיך פייטן.

גרינער

(נאָך אַלץ דערפרייט): דו רעדסט דאָך ווי איך.

אויפפּאַסערקע

(שטעלט זיך אין מיטן): דהי טיטשער סעד, לעט מי קעטש יו טאָק טו הים דזשואיש!

דזשייקי

(הייבט זיך ווידער אָן רייצן מיט איר): דזשעני גאַט איי פּעלאָו. דזשעני גאַט איי פּעלאָו...

אויפפּאַסערקע

(וואַרפט זיך צו אים, וויל אים אָנכאַפּן. דזשייקי דרייט זיך אַרויס

און דרייט זיך אַריין צווישן די קינדער, זי רופט) : קעטש הים, קעטש הים !

ערשט אינגל

(כאַפּט אים אַרום פון הינטן, האַלט אים איין, צו דער אויפפּאַסערקע) : איי גאַט הים !

דזשייקי

(רייסט זיך) : ליוו מי אַלאָון.

ערשט אינגל :

נאָו, סער. (שושקעט אים אומבאַמערקט אין אויער).

דזשייקי

(רייסט זיך ווידער) : אַ'ל קיל יו.

אויפפּאַסערקע

(לויפט צו, דזשייקי פּאַכעט מיט די הענט, זי בלייבט שטיין) : האָלד הים הענדס !

ערשט אינגל

(פאַרנעמט די הענט) : דאָנט בי עפרייד, קאַם אָן.

(די אויפפּאַסערקע לויפט האַסטיק צו, אין דער זעלבער רגע לאָזט אים דער כאַפּער פריי).

דזשייקי

(רייצט זיך ווידער) : דזשעני גאַט איי פעלאָו, דזשעני גאַט איי פעלאָו...

אויפפּאַסערקע

(לויפט אים נאָך) : ווייט, אַ'ל טעל דהי טיטשער.

דזשייקי

(לאָזט זיך צום גרינעם אינגל, שרייט נאָך פונדערווייטנס): איב'ל דיר געבן, גריני !

גרינער

(פאַרשטייט ניט, רוקט זיך ניט אָפּ, גייט אים אַנטקעגן) : פון וואַנען קענסטו רעדן ווי איך?

דזשייקי

(וויל אַרויפפליען אויפ'ן גרינעם. שטויסט זיך אָן דערוויייל אָן צווייטן אינגל, וואָס טרעט הינטער אים מיט אַ באָל אין האַנט. יענער פאַלט. דזשייקי האַלט זיך ביי אַ האַנט. מיט צאָרן):

יו ביג בוב!

צווייט אינגל

(הייבט זיך אויף. האַלט זיך פאַר אַ פּוס): געט אוט אָוו היר.

יו'ר אָלוויים ווײַלד...

דזשייקי:

טייק אָף יאָר גלעסעס.

צווייט אינגל:

קאַם אָן. (נעמט אַרונטער די ברילן).

(זיי שטעלן זיך אין פּאָזיציע. ס'הייבט זיך אָן אַ „פייט". קינדער וואַרפן זייערע שפּילן און לויפן זיך צונויף.ביידע שפּרינגען אונטער ווי הענדלאַך. קומען אַריין אין ברען).

גרינער

(קוקט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געזוכט אימיצער זאָל זיך אריינמישן. פאָלגט נאָך מיט אָנגעצונדענע אויגן נאָכ'ן גאַנג פון געשלעג. ווען ער דערזעט אַז ביידע האָבן זיך איינגעקלאַמערט איינער אין אַנדערן, וואַרפט ער זיך אַריין אין מיטן. וויל צעררייסן.

רופט): אוי, זיי וועלן זיך ממית'ן!

(ביי די קינדער ווערט אַ טומל, אַ געשריי. עטלאַכע אינגלאַך גיבן זיך אַ וואָרף אויף אים, שטופּן אים אָפּ).

צווייט אינגל

(גיט אים אַ קלאַפּ): געט אַוט אָוו היר!

דזשייקי

(גיט אים אַ שטויס): ניט דיינע ביזנעס, גריני!

גרינער

(צעטומעלט): איר וועט זיך ממית'ן, וועט איר זיך!

אויפפאַסערקע

(פאַרשטעלט אים): יו בעד באָים, דהי טיטשער סעד יו שוד נאַט טאַטש הים.

דזשייקי

(מישט איר איבער): טיטשער־פיטשער, סעד־מעד... דזשעני גאָט איי פעלאָ, דזשעני גאָט איי פעלאָו...

אויפפּאַסערקע

(מיט געוויין): אַ'ל טעל דהי טיטשער אָן יו (אָפּ).

דזשייקי

(טרעט צו צום גרינעם, מיט פּאַררוקטע הענט אין די קעשענעס): איצט וועל איך דיר ווייזן...

גרינער

(צעשראָקן. טרעט אָפּ): וואָס ווילסטו פון מיר?

ערשט אינגל

(רופט): דאָנט באָדהער הים!

גרינער

(פאַרשטעלט זיך מיט'ן האַנט): וואָס ווילסטו?

דזשייקי

(קוקט אים אָן, באַמערקט עפּעס אומגעריכט): וואָס טוט דיין טאַטע?

גרינער

(שווייגט).

דזשייקי

(דראָענד): וואָס טוט דיין טאַטע?

גרינער:

כ'האָב ניט קיין טאַטן.

דזשייקי

(כאַפּט אַרויס אין אויפרעגונג די הענט פון די קעשענעס): דו אויך האָסט ניט קיין טאַטן?

גרינער:

איך האָב קיין מאַמען אויך ניט.

דזשייקי:

וועמען האָסטו?

גרינער:

אַ קליין שוועסטערל.

דזשייקי:

ביי וועמען ביסטו?

גרינער:

ביי אַ פעטער.

דזשייקי:

אין וועלכן קלאַס גייט דיין שוועסטערל?

גרינער:

זי איז דאָ ניטאָ. זי איז אין דערהיים איבער'ן ים. כ'וועל ווערן אַביסל גרעסער, וועל איך זי אַריבערנעמען.

דזשייקי

(פריינדלאך): איך האָב אויך קיין טאַטן ניט.

גרינער

(באַרואיקט): און אַ מאַמען?

דזשייקי:

אַ מאַמען, יע.

גרינער:

עס איז גוט צו האָבן אַ מאַמען, הא?

דזשייקי:

ווען זי שרייט און שלאָגט מיך, טויג ניט.

גרינער:

רעד ניט קיין נאַרישקייטן. ס'איז שטענדיק גוט צו האָבן טאַטע־מאַמע.

דזשייקי

(פאַר'עקשנ'ט): אַז מען שלאָגט, טויג ניט. (דערלאַנגט אים אַ האַנט): לאָמיר זיין „פרענדס".

גרינער

(אַביסל אין פארלעגענהייט. גיט ניט אַנטשלאָסן די האַנט): גוט, זאָל זיין חבר.

(קינדער הייבן אויף אַ טומל און אַ געלעכטער. קולות: לוק!)

דזשייקי

(צו אַלעמען): אַיי מין איט.

(דער געלעכטער ווערט נאָך שטאַרקער. אויסגעשרייען: לוק, לוק עט דהי גיו פרענדס!)

גרינער

(צו דזשייקי'ן): וואָס לאַכן זיי?

דזשייקי:

זיי מיינען, איך מאַך „פאָן" פון דיר, אַז איכ'ל דיך „פייטן".

גרינער:

זיינען דאָס אידישע?

דזשייקי:

אידישע. זיי מיינען אַז איכ'ל דיר שלאָגן.

גרינער

(צו אלעמען): מיר'ן זיך ניט שלאָגן.

דזשייקי

(צום גרינעם אינגל): רעד ניט צו זיי. זיי פאַרשטייען ניט וואָס דו רעדסט.

איין אינגל

(אין אידיש): „נעוועֹר מיינד", רעד, איך פאַרשטיי.

אַ צווייטער

(מיט געלעכטער): איך רעד אויך.

אַ דריטער:

איך רעד מיט מיין מאַמען.

אַ פערטער:

איך מיט מיין טאַטן.

אַ פֿינפֿטער:

איך מיט מיין באָבען.

אַ זעקסטער:

איך מיט מיין זיידן.

אַלע צוזאַמען:

מיר פֿאַרשטייען. (לאַכן).

גרינער

(באַגייסטערט, צו דזשייקי'ן): זע נאָר, זיי ריידן דאָך אַלע ווי מיר.

דזשייקי

(בייז): גלייב זיי ניט, דאָס מאַכן זיי „פֿאָן“ פֿון דיר.

גרינער

(פֿאַרוואונדערט): זיי ריידן דאָך...

(אַלע שרייען ווידער: מיר קענען!)

צווייט אינגל

(שטופּט אונטער אַנטאָני'ן, דעם איטאַליענער): טעל הים יו אַר עי דזשו, סיי: „איך!“

אַנטהאָני

(לויפֿט צו לאַכנדיק צום גרינעם אינגל): איק!

גרינער

(צו אַנטהאָני'ן): אַז דו ביזט אַ אידישער, האָב איך נאָך פֿריער געזען.

צווייט אינגל:

(שטופּט אונטער דזשימי'ן דעם איירישן): דו לייק אַנטהאָני.

דזשימי

(לויפֿט צו, שטעלט אויס די ברוסט, שרייט): איק!

גרינער

(שמייכלט צו דזשייקי'ן): דאָס מוז זיין אַ שייגעץ. ער האָט זומערשפּרינקלאַך אויפֿ'ן פּנים.

דזשייקי

(צו אַלעמען) : וואָס מאַכט איר „פאָן" פון אים. איי בעט הי איז סמאַרטער דען יו!

אַלע

(מיט געלעכטער) : אָ, גאָ אָן!

צווייט אינגל:

א'ל בעט הי איזנט...

דזשייקי

(פאַר'עקשנ'ט) : אָלל רייט.

צווייט אינגל:

לעט מי עסק הים סאַמטהינג.

דזשייקי:

נישט דו, אַן אַנדערער זאָל פרעגן.

ערשט אינגל:

איך קען ריידן ווי ער, איכ'ל זיין דער טיטשער, מיסטער מעקאַרטי. (מאַכט דערביי אַ מינע וואָס דאַרף פאַרשטעלן דעם לערער מעקאַרטי).

אַ מיידל

(ווייזט אויפ'ן גרינעם אינגל) : הים טיטשער איז מים מעסבעט, לעט איי גוירל עסק הים!

ערשט אינגל

(ווייזט אָן אויפ'ן גרינעם) : איך קען ריידן ווי ער. אַ'ל בי דהי פרינסיפאַל, מר. דזשאַנסאָן... (מאַכט אַ פּאָזע, וואָס דאַרף פאַרשטעלן דעם פרינסיפאל דזשאנסאָן).

(קינדער לאַכן. געשרייען : לעט הים עסק, הי איז אָל רייט.)

ערשט אינגל

(מיט אַ וואַזשנער מינע, רופט אויס) : קלעס, אַטענשאָן!

(די קינדער צעזעצן זיך מיט געלעכטער. בלומרשט ווי אין קלאַס. אין מיטן בלייבן נאָר דאָס ערשטע אינגל, דאָס גרינע אינגל, דזשייקי און דאָס צווייט אינגל).

ערשט אינגל

(מאַכט מיט'ן האַנט. רופט) : קיפּ קווייעט, לעט נאָיז!

(די קינדער הערן אויף לאַכן. פון צייט צו צייט שפּריצט נאָך ווער אויס אין אַ געלעכטער. באַלד ווערט שטיל).

ערשט אינגל

(פאַרטראכט זיך. ווענדט זיך צום גרינעם) : ווער איז דזשאָרדזש וואַשינגטאָן?

צווייט אינגל

(שפּרינגט אויף. שרייט) : יו דאָנט נאָו הא טו עסק. (אין שלעכטן אידיש) : דאָס גרינג. אַלץ ווייס. פרעג שווער. דהי קעפּיטאַל פון פרענס.

ערשט אינגל:

סיילענס, איך בין פּרינסיפּאַל. (צום גרינעם) : וועלכע שטאָט איז די גרעסטע ביי די פראַנצויזן?

גרינער:

פּאַריזש.

קינדער

(שיסן אויס אין אַ געלעכטער) : ליסן, ליסן! דיד יו היר? "פּאַריזש", נאָט פעריז, דזשי, דהאַטס פאָני!

אַנטהאָני

(שפּרינגט אויף) : דהאַטס נאַטהינג. דהאַטס דהי ווײ דהיי טאָק.

ערשט אינגל:

סיילענס! לעט מי עסק! (צום גרינעם אינגל) : ווער איז געווען (פאַרטראַכט זיך) לינקאָלן?

גרינער:

אייברעהעם לינקאָלן איז געווען אייערס אַ פרעזידענט.

דזשייקי

(שפּרינגט אונטער פון פרייד) : אַ'ל בעט, אַי וואָן.

צווייט אינגל

(שפּרינגט אויף) : דהאַטס נאַטהינג, דאָס גרינג, פרעג שווער, פיל פּרעזידענטס געווען?

דזשייקי

(אַביסל צעשראָקן. כאַפּט זיך אַרויס. צום גרינעם אינגל): ער פרעגט דיך צי לינקאָלן איז געווען דער זעכצעטער פּרעזידענט.

קינדער

(שפּרינגען אויף): דהאַטס נאַט פּעיר! מיר פאַרשטייען. ווילסט אונז „פּולן“. זאָל ער זאָגן אַליין.

דזשייקי:

אָנעסט, איך האָב ניט געמיינט, איר האָט אים שוין אַזוי פיל געפרעגט. לאָזט אים אייך פרעגן. ער איז איינער, איר זענט „אַ ביג קראוד“.

ערשט אינגל:

אָלל רייט. זאָל ער פרעגן און יעדער איינער קען ענטפערן.

קינדער:

אָלל רייט. (זעצן זיך איין).

דזשייקי

(צום גרינעם אינגל): גיב זיי אַ פרעג, אַז זיי זאָלן קריגן אַ „סי“.

גרינער

(טרעט אַרויס): דער ווייפּלטער קעניג איז געווען אחאָב?

קינדער

(רופן אוים): הו?

צווייט אינגל:

דהער איז נאַט סאַטש אַן אינגליש וואָירד.

דזשייקי:

נעווער מיינד, ס׳איז אָלל־רייט, דו ווייסט ניט.

קינדער

(שרייען): קעניג? ווי דאָנט לייק קינגס. עסק סאַמטהינג עלס.

דזשייקי

נעווער מיינד, איר ווייסט ניט.

ערשט אינגל

(צום גרינעם): פרעג אַן אַנדער זאַך, זיי פאַרשטייען ניט וואָס דו פרעגסט!

גרינער

(פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע): פאַר וועלכן קעניג איז געווען אליהו הנביא?

קינדער

(פאַרוואונדערט): וואָס? הו?

צווייט אינגל:

האַו דו יו ספעל איט?

קינדער

(אויסרופן): וואַט איז הי?

צווייט אינגל

(פאַר אַלעמען): ווי דאָנט סטאַדי דעט.

דזשייקי

(מיט נצחון): מאַכט ניט קיין מאַנקי־ביזנעס. איך האָב אייך געזאָגט איר וועט ניט וויסן.

גרינער:

(פאַרשטייט ניט דעם טומל. חזר'ט איבער העכער): אליהו הנביא!

קינדער

ווי דאָנט סטאַדי דהעט! (עטלאַכע אין אידיש): מיר דאָס ניט געלערנט!

דזשייקי

(דערפרייט, צום גרינעם): זעסט, זיי ווייסן קדחות.

צווייט אינגל:

לעט הים, דערציי'ל אונז ליטל. מיר דערמאָנען.

ערשט אינגל

(צום גרינעם): ער זאָגט דערציי'ל עפּעס, וועט מען **זיך** דערמאָנען.

גרינער:

איר געדענקט ניט אליהו׳ן? איך קען אייך דערציילן.

קינדער:

דערצייל! מיר פארשטייען!

גרינער:

אליהו הנביא איז געווען אין ארץ ישראל. ער פלעגט ריידן שטראף־רייד צום אידישן קעניג און קעניגין, ווען זיי האבן געטאן שלעכטס. דער קעניג מיט דער קעניגין האבן אליהו׳ן געוואלט אומברענגען. איז ער אוועק צווישן פעלזן לעבן ברעג פון א טייך. די פעלזן זיינען געווען וויסטע. האט ער ניט געהאט וואס צו עסן. פלעגן אים קראען ברענגען עסן אלע אינדערפרי און אלע פארנאכט.

קינדער

(פארוואונדערט): קראען?

גרינער:

ניט נאר קראען; איינמאל, ווען אליהו איז אנטלאפן פון דער קעניגן און זיך געדארפט ראטעווען פון טויט, האט ער א טאג צייט ארומגעוואנדערט אין וויסטעניש. ביינאכט האט ער זיך צוגעזעצט אונטער א פאלמע און האט אויף זיך געוואונשען דעם טויט און שוין בעסער געוואלט שטארבן. ער האט זיך אנגעשפארט אן דער פאלמע און איינגעשלאפן. איז אראפגעקומען א מלאך, האט אים אויפגעוועקט און געזאגט...

א מיידל:

וואס איז א מאלעך?

אלע

(בייז): קיפ קווייעט!

גרינער:

האט דער מלאך געזאגט: שטיי אויף און עס! האט אליהו א קוק געטאן. ערשט ביי אים צוקאפנס ליגט א געבאקטער קובן און עס שטייט א קרוג וואסער. האט אליהו געגעסן,

געטרונקען, האָט זיך ווידער געלייגט און איז ווידער איינגע־שלאָפן. האָט זיך דער מלאך א צווייט מאָל אומגעקערט, האָט אים ווייטער אויפגעוועקט און געזאָגט: שטיי אויף און עס, ווייל לאַנג איז דיין וועג. איז ער אויפגעשטאַנען, האָט געגעסן, געטרונקען, און מיט'ן נייעם כח איז ער געגאַנגען פערציק טעג און פערציק נעכט ביז ער איז אָנגעקומען צו א באַרג. דאָרט איז ער אַריין אין א הייל, וואו ער האָט גענעכטיקט.

איינער

(צו אַנטהאָני'ן און דזשימי'ן, וואָס קוקן נייגעריק ווי אַלע הערן זיך אייך): הי טעלם עי וואָנדערפול סטאָרי.

קינדער

(צו דעם איינעם): אָ. שאַראַפּ! (צום גרינעם אינגל): דערצייל ווייטער.

גרינער

(באַגייסטערט זיך): איך וועל אייך דערציילן נאָך שענערס. ס'איז געווען א טריקעניש אין לאַנד און ס'איז ניט געווען וואָס צו עסן. אליהו איז אַוועק אין דער שטאָט צרפת. ווען ער איז צוגעקומען צום טויער פון שטאָט, האָט ער באַגעגנט אַן אָרימע פרוי, אַן אלמנה, וואָס האָט געקליבן שפּענדלאַך. האָט איר אליהו געבעטן זי זאָל אים אָנשעפּן אביסל וואַסער צו טרינקען. איז זי געגאַנגען נעמען. האָט אליהו איר נאָכ־געשריען: נעם אויך א שטיקל ברויט פאַר מיר. האָט זיך די אָרימע פרוי געשוואָרן, אַז זי האָט מער ניט ווי אַביסל מעל אין א קרוג און אביסל ביימל אין א קריגעלע און א פּאָר שפּענדלאַך. כ'וועל קומען אַהיים, האָט זי געזאָגט, וועל איך פון דעם ביסל מעל און דעם טראָפּן ביימל אויסבאַקן עפּעס פאַר מיר און פאַר מיין אינגעלע, און אַז מיר וועלן דאָס אויפעסן, וועלן מיר דערנאָך אויסגיין פון הונגער.

קינדער:

(רירן זיך): ליסן, הערט...

גרינער

(אין טאָן) : האָט אליהו געזאָגט : שרעק זיך ניט. גיי און טו, ווי דו זאָגסט. נאָר פריער מאַך פאַר מיר אַ קליין קוכנדל, און פאַר דיר און דיין אינגעלע דערנאָך. איז די פרוי געגאַנגען און האָט געטאָן ווי אליהו האָט געזאָגט. האָט זי און איר הויזגעזינט געגעסן פון דעם הייפטל מעל און דעם ביסל בוימל די גאַנצע צייט פון דער טריקעניש, ווייל וויפיל זי האָט ניט גענומען איז ניט אויסגעגאַנגען דאָס מעל פון קרוג און דער בוימל פון קריגל.

קינדער :

הערט ! הערט !

גרינער

(מיט ברען) : אָבער הערט נאָך ווייטער. ביי דער אָרימער פרוי איז קראַנק געוואָרן איר אינגעלע. קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. האָט אליהו אַרויפגענומען דעם געשטאָרבענעם אינגעלע צו זיך אויפ׳ן אויבערשטיבל, אים אַוועקגעלייגט ביי זיך אויפ׳ן געלעגער און לעבעדיק געמאַכט...

צווייט אינגל :

יו קענט מאַכן לעבעדיק...

דזשייקי :

מען קען, מען קען, דערציי ל!

ערשט אינגל :

דערצייל :

גרינער :

געוויס קען מען. און אַז משיח וועט קומען, וועלן אַלע טויטע ניט לעבעדיק ווערן ?

קינדער :

ווער איז משיח ?

גרינער

(באַגרייפט ניט) : וואָס פרעגט איר ?

קינדער:

ווער איז משיח?

גרינער

(שמייכלט. גלויבט אַלץ ניט. קוקט אויף דזשייקי'ן): זיי מאַכן חוזק?

דזשייקי:

נאָו.

ערשט אינגל:

איך האָב געהערט מיין מאַמען זאָגן אַמאָל משיח, משיח, אָבער איך ווייס ניט.

דזשייקי:

זעסט.

גרינער:

משיח איז....

קינדער:

דערציילט פריער מיט אליהו'ן!

גרינער:

אליהו איז אַרויף אויפ'ן הימל. פריער האָט ער געמאַכט אלישע'ן פאַר אַ נביא. זיינען זיי ביידע געגאַנגען אין וועג, און ס'איז געקומען די צייט ווען אליהו האָט באַדאַרפט אַרויף אויפ'ן הימל. האָט אליהו געהייסן אלישע'ן ער זאָל אַוועקגיין. אלישע האָט אים אָבער ניט געוואָלט פאַרלאָזן און וואו ער איז געגאַנגען, איז אלישע אים נאָכגעגאַנגען. זיינען זיי געקומען צום ירדן. האָט אליהו אויפגעוויקלט זיין מאַנטל און אַ קלאַפּ געטאָן איבער'ן וואַסער. האָבן זיך די וואַסערן געשפּאָלטן און זיי זיינען ביידע אַריבער אין דער טריקעניש.

ערשט אינגל:

דאַט'ס וואָנדערפול!

גרינער

(זעצט פאָר): ווי זיי גייען אַזוי אַריבער, זאָגט אליהו צו אלישע'ן: זאָג, וואָס דו פאַרלאַנגסט איידער מען נעמט מיך אַוועק פון דיר. און ווי זיי גייען אַזוי און ריידןביידע, לאָזט זיך מיט שטורם אַרונטער פון הימל אַ פייערדיקער רייטוואָגן מיט פייערדיקע פערד. דער רייטוואָגן האָט זיי ביידע צעשיידט. אליהו'ן האָט מען אריינגעכאַפּט אין רייטוואָגן און ער איז מיט שטורם אַרויף אויפ'ן הימל. נאָר אליהו'ס מאַנטל איז געבליבן ביי אלישע'ן. מער האָט ער אליהו'ן ניט געזען.

קינדער:

דאַט'ס וואָנדערפול!

דזשייקי

(באַגייסטערט): אַרויף אויפ'ן הימל און ניטאָ!

גרינער:

אליהו איז דאָ. אליהו איז שטענדיק דאָ. אַפילו פּסח צום סדר קומט ער. מען גיסט פאַר אים אָן אַ כוס. נאָר מען זעט אים ניט. דערפאַר אין משיח'ס צייטן, וועלן אים אַלע זען. ער וועט קומען אָנזאָגן אַז משיח קומט. ער וועט בלאָזן אין אַ „שופר“, און זיין שאַל וועט מען הערן אין אַלע פיר עקן וועלט.

קינדער:

ווער איז משיח?

גרינער:

מען ווייסט ניט ווער ער איז. נאָר אַז ער וועט קומען, וועלן אַלע לעבעדיק ווערן,—מיין טאַטע־מאַמע (ווייזט אויף דזשייקי'ן) זיין טאַטע. מער וועט מען שוין ניט שטאַרבן. מען וועט לעבן אייביק. יעדער איינער וועט האָבן וואָס ער וויל נאָר. אומעטום וועט זיין שלום, ניט ווי ביי אונז איז געוועזן. אַפילו אַ לעמפּערט וועט וואוינען מיט אַ ציגעלע און וועט עם ניט פאַרצוקן...

צווייט אינגל

(רופט פלוצלונג אוים) : דהי פרינסיפאַל איז קאַמינג!

קינדער:

(שפרינגען אויף, קוקן זיך אום. ס'באַווייזט זיך דער פרינסיפּאַל. נאָך אים די אויפפאַסערקע. דער פּרינסיפּאַל לייגט ניט קיין אויפמערקזאַמקייט אויף די קינדער און גייט פארביי אין סטריט אַריין. מען באַרואיקט זיך. צום גרינעם) : דערצייל ווייטער!

גרינער

(הייבט ווידער אָן) : אַז משיח וועט קומען...

(נערוועז הויב אָן קלינגען דאָס גלעקל. די קינדער הייבן זיך אָן צו באַוועגן).

אויפפאַסערקע

(לויפט צו צום גרינעם אינגל, גיט אים אַ שליעפּ פאַר'ן האַנט) : קאַם אַן, דהי טיטשער סעד לעט מי קעטש יו טאָק דזשואיש...

ערשט אינגל און דזשייקי

(רופן) : טשיר הים!

(אַ גרופּע אינגלאַך גיבן זיך אַ שטעל אוים אין אַ ראָד, די קעפּ צוגעבויגן איינס צום אַנדערן און מען „טשירט" אים אויפ'ן אַמעריקאַנעם שטייגער. דאָס גלעקל קלינגט, קלינגט...)

פ אָ ר ה אַ נ ג.